בעזהשי"ת

# מאמר
# קדושת התורה

והוא דרשה נוראה ונלהבה בענין קדושת לימוד התורה
במשנתו של רבינו הקוה"ט זי"ע

ע"י מורינו הרה"ג ר' **יצחק יודא משה גוטמאן** שליט"א
דומ"ץ בקריתינו הק' וראה"כ צעירים אחצ"ה

יוצא לאור ע"י תלמידיו ושומעי לקחו
**אברכי כולל צעירים תפארת מרדכי**

לרגל יומא דהילולא עשיראה ז"ך אב תשפ"ה לפ"ק

כוללי אברכים
עטרת מרדכי | תפארת מרדכי
דקהל אוה"ח טאהש
נתייסדה ע"י כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זי"ע
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

## התודה והברכה

להנהלת כוללנו המפוארה

העושים ומעשים להגדיל תורה ולהאדירה

מוה"ר ר' **ישראל חיים קרויס** הי"ו
ומוה"ר ר' **ישראל נפתלי מערמלשטיין** הי"ו
ומוה"ר ר' **יואל כהנא** הי"ו

על שנטלו חלק בראש בהוצאות הדפוס
וזכות הרבים וזכות התורה שמשימים כוחם ומוחם
בעצה ובמעשה למען הצלחת הכולל יגן בעדם להתברך
בכל מילי דמיטב והבטחת רביה"ק **'זוער עס טוט
פאר אינז מיז ביי אונז געהאלפען ווערן'**
ילך לפניהם כל הימים. אמן

**ברכת מזל טוב**
להני אברכים חשובים אריות שבחבורה
הרב **אלחנן חיים כץ** שליט"א
מוה"ר **נפתלי עסטרייכער** הי"ו
ומוה"ר **יוסף הכהן גאלדמאן** הי"ו

שנטלו חלק בהוצאות הקונטרס

ויה"ר מלפני אבינו שבשמים שיעלו מעלה מעלה
כרצונם הטוב ויראו רוב נחת ויגדלו הנערים לתורה
ולעבודה ולחופה ולמעש"ט
וכל נטיעות שנוטעים ממך יהיו כמותך. אמן

אפגעשריבן און מסדר געווען דורך
קונטרס
Tel. 845 210 6668
sales@kintress.com

## המחדש בטובו בכל יום

**מ'האט געזאגט אז מען וועט זאגן א פתיחה, מ'האלט שוין אינמיטן זמן, דער אמת איז אז יעדן טאג איז א פרישע התחדשות, יעדן טאג דארף מען א נייע פתיחה, יעדן טאג הייבט מען אן שלא עשני גוי, שלא עשני עבד, מען דאנקט דעם אייבערשטן אויף די בריאה, נשמה שנתת בי טהורה היא, יעדן טאג איז ממש א נייע בריאה.**

## דער אייבערשטער געבט די תורה יעדן טאג

אבער באמת, מיר האלטן נאך שבועות, דאס איז איינע פון די הסברים וואס ס'שטייט אין ספרים, פארוואס אין די תורה שטייט בכלל נישט קיין רמז אז דער יו"ט האט מיט מתן תורה, ווייל מתן תורה איז יעדן טאג, עס איז נישט מיוחד ספעציעל פאר איין טאג, דער אייבערשטער גיבט די תורה יעדן טאג, מען זאגט יעדן טאג 'נותן התורה' מען מאכט א ברכה אז דער אייבערשטער געבט, בלשון הוה, נישט נָתַן התורה, נאר עס איז נותן התורה, דער אייבערשטער איז א מלמד תורה, דער אייבערשטער גיבט יעדן טאג די תורה, אוודאי איז דא א זמן וואס דעמאלט איז מער דער זמן פון התחדשות אין דעם, און דער ציל איז טאקע אז די התחדשות זאל נישט זיין דוקא אין דעם טאג, פארקערט, די התחדשות קומט עס זאל ווערן נתחדש ביי א מענטש די מתן תורה פון יעדן טאג. דער נותן התורה פון יעדן טאג זאל דער מענטש

דערהערן, דער טבע איז, אז א זאך ווערט נתיישן מחמת רגילות, א זאך וואס מען איז געוואוינט, אפילו עס איז די חשוב'סטע זאך אין די וועלט, מען איז רגיל מיט א גוטע זאך כאפט מען נישט וויפיל חשיבות מען האט, דארף מען עפעס א זאך וואס זאל דערמאנען. אבער דער ציל איז טאקע, מען זאל יעדן טאג געדענקען דעם שבועות, דעם מעמד הר סיני.

## די מצוה פון געדענקן מעמד הר סיני

דער אמת איז שבועות איז טאקע אוועקגעשטעלט אויף דער ענין פון מעמד הר סיני. עס איז דא זייער אן אינטערעסאנטע זאך, עס איז מער א הלכה'דיגע חלק. ס'איז א מצוה דאורייתא ס'איז איינע פון די שש זכירות אז מען דארף יעדן טאג געדענקען מעמד הר סיני, יום אשר עמדת לפני ה' אלקיך בחורב באמור ה' אלי הקהל לי את העם.

כפשוטו רעדט מען צו יענעם דור אז זיי דארפן געדענקען וויאזוי עס איז געווען ווען דער אייבערשטער האט גערעדט צו זיי. אבער די מצוה גייט אן אלע דורות היינטיגע צייטן אויך. דאס מיינט, ווי די ראשונים שרייבן דא, אז די חיוב פון זכירת מעמד הר סיני מיינט, געדענקען די מעשה פון מעמד הר סיני. מען קען נישט זאגן אז מיר זאלן געדענקען וואס מיר האבן געזען, ווען בגשמיות האבן מיר עס נישט געזען, אבער דער פשט איז אז מיר זאלן געדענקן דעם מציאות פון מעמד הר סיני לויט ווי חז"ל לייגן אראפ, דאס זאל מען זען פאר די אויגן, מיר זאלן חזר'ן דעם מעמד הר סיני, האבן פאר די אויגן דעם מעמד הר סיני. עס איז א מצוה דאורייתא, אויף יעדן טאג, שטענדיג. שבועות איז פשוט דעם טאג וואס איז געווען מעמד הר סיני, איז מער די זמן פון מעורר זיין די מצוה, אבער עס איז א מצוה יעדן טאג, א מצוה חיובית, צו געדענקען מעמד הר סיני יעדן טאג.

## זכירת מעמד הר סיני איז דער יסוד האמונה

דער ציל פון געדענקען מעמד הר סיני איז דא צוויי אופנים. עס איז דא קודם די חלק פון די אמונה, די פשוט'ע אמונה פון יעדן איד. ווי עס איז מבואר באריכות אין די ראשונים, אז דאס איז איינע פון די שטערקסטע יסודות פון די אמונה פשוטה פון א איד. ווי דער חינוך זאגט אין די הקדמה, און אזוי זאגן אויך אנדערע ראשונים, אז דער זאך אז דער באשעפער האט זיך באוויזן פאר גאנץ כלל ישראל, יעדער יחיד האט מיטגעהאלטן ווי דער אייבערשטער רעדט, יעדער האט דאס געזען, נישט נאר א נביא איז געקומען שפעטער איבערגעבן פונעם אייבערשטען, נאר מיליאנען

מיליאנען מענטשן, פון 20 און העכער איז געווען 600,000, און עס איז געווען העכער פון 60, און אויך פרויען און קינדער. מיליאנען מענטשן האבן אלע אליין געהערט פונעם אייבערשטען "אנכי ה' אלקיך", און דאס איז דער יסוד פון די אמונה פשוטה פון א איד, ווי די ראשונים זענען מבאר, אז דער זאך איז נישטא אין קיין שום אומה ולשון, אז מען האט אליין געהערט פון אייבערשטען, דאס ברענגט די אמונה אין משה רבינו און אין אלע מצוות וואס דער אייבערשטער רעדט צו משה. דאס איז איין תכלית פון די מצוה פון זכירת מעמד הר סיני.

## זכירת מעמד הר סיני – אשר בחר בנו מכל העמים

נאכדעם איז דא נאך א זאך וואס מען לערנט פון מעמד הר סיני, צו פארשטיין בכלל וואס איז דאס די תורה.

דער טור אין סימן מ"ז אין הלכות ברכת התורה זאגט, אז נאך די ערשטע ברכה פון 'לעסוק' און 'והערב נא' איז דא 'ברכה אחרת על התורה' דאס איז די ברכה "אשר בחר בנו מכל העמים ונתן לנו את תורתו בא"י נותן התורה" און ביי די ברכה פון אשר בחר בנו זאל מען אינזין האבן מעמד הר סיני, אז דער אייבערשטער האט אונז בוחר געווען פון אלע פעלקער, ער האט אונז געברענגט צום הר סיני, "והשמיענו דבריו מתוך האש", דער אייבערשטער האט אונז געמאכט הערן זיינע ווערטער פון דעם פייער, "ונתן לנו את תורתו הקדושה כלי חמדתו שהיה משתעשע בו בכל יום" דאס איז די לשון פון טור, און נאכדעם זאגט ער ווייטער הלכות וואס האט צו טון מיט ברכות התורה.

במושכל ראשון קוקט אויס אז דער טור, מחמת די גרויסע תשוקה צו די תורה, האט ער אריינגעווארפן דא אביסל מוסר און התעוררות, ווי זיין לשון וואס ער זאגט דער אייבערשטער איז השמיענו דבריו מתוך האש, ונתן לנו את תורתו הקדושה כלי חמדתו שהיה משתעשע בה בכל יום, די חשיבות התורה.

## אשר בחר בנו – מעולה שבברכות

אבער אז מ'טראכט אריין וואס דא שטייט זעט מען אז דער טור זאגט דא א הלכה, דער טור טייטשט איבער די פשוט'ע הלכה, יעדע מצוה תפילין, ציצית, וכו' האט א ברכה, ס'איז דא ברכת המצוות, תורה איז אויך א מצוה,

ממילא איז דא א ברכה "לעסוק בדברי תורה" דאס איז א ברכה אויף די מצוה, עס איז א חיוב צו מאכן א ברכה פאר דעם. אבער וואס איז פשט פון צוויי ברכות?[א] פאר יעדע מצוה איז דא די זעלבע ברכה "אשר קדשנו במצוותיו וצונו" דער אייבערשטער האט אונז געהייליגט מיט זיינע מצוות. און די ברכה מאכט מען ביי אלע מצוות, ציצית, תפילין, שופר, מגילה, און איז אויך דא די ברכה, נאר נאכדעם בעט מען א תפלה אויף די תורה 'והערב נא' אבער וואס איז די נייע ברכה, די פרישע ברכה, אשר בחר בנו מכל העמים? וואס איז דער פשט פון די ברכה? בפרט וואס אין די גמרא שטייט אויף די ברכה פון "אשר בחר בנו", אז עס איז "מעולה שבברכות", די בעסטע פון די ברכות.

נאך מער זעט מען, ס'איז א גרויסע מחלוקת ראשונים צי ברכת התורה איז א דאורייתא, סתם ברכות ווייסט מען אז עס איז נישטא קיין שום ברכות מדאורייתא חוץ פון ברכת המזון, אבער ברכת התורה איז דא אסאך ראשונים וואס האלטן אז עס איז אויך מדאורייתא[ב], דער שאגת אריה איז מאריך אין דעם, און ער נעמט אן להלכה אז עס איז דאורייתא, אבער דער שאגת אריה פירט אויס אז אפילו אויב איך זאג אז עס איז דאורייתא, איז נאר "אשר בחר בנו" איז א דאורייתא אבער נישט ביידע ברכות.

על כל פנים דארף מען פארשטיין וואס איז פשט פון די ברכה, אלע מצוות מאכט מען ברכות המצוות, וואס איז דא די נייע ברכה וואס מען לייגט צו אשר בחר בנו? און דאס וויל דער טור פארענטפערן, דער טור וויל זאגן פשוט פירוש המלות וואס איז פשט פון די ברכה, עס איז א חיוב צו מאכן ברכת התורה, אן עס איז דא וואס האלטן אז עס איז דאורייתא, וואס איז די ברכה? ברכת המצוות איז דאך נישט קיין דאורייתא, איז פארוואס איז ברכת המצוות אויף תורה יא א דאורייתא?! וואס איז די מצוה פון די ברכה אשר בחר בנו? וואס איז דער חיוב?

---

א. ברכת התורה איז איינגעטיילט אין דריי ברכות. עס איז א מחלוקת הראשונים צי עס איז דריי ברכות צי עס איז צוויי ברכות, צי והערב נא איז א המשך פון לעסוק בדברי תורה, צי עס איז אן עקסטערע ברכה.

ב. עס איז א נפק"מ להלכה, ווען א מענטש איז מסופק אויב ער האט געמאכט ברכת התורה צי נישט - ביי א ברכה דרבנן איז 'ספק ברכות להקל' מאכט מען נישט די ברכה. דער שאגת אריה וויל אננעמען אז עס אז עס איז דאורייתא. אונז זענען מחמיר און אונז פירן זיך נישט למעשה צו איבערזאגן מספק.

## א ברכה אויף מעמד הר סיני

זאגט דער טור דא אויף ברכת אשר בחר, אז עס איז נישט קיין ברכת המצוות, דאס איז א ברכה אויף מעמד הר סיני, דאס לויבט מען, מען דארף לויבן דעם אייבערשטן אויף מעמד הר סיני. אז ביי די ווערטער "אשר בחר בנו מכל העמים" דארף מען מכוון זיין "על מעמד הר סיני אשר בחר בנו מכל האומות", "ונתן לנו את תורתו" טייטשט איבער דער טור אז עס שטייט נישט סתם ונתן לנו את 'התורה' אזוי ווי מען זאגט נותן התורה, נאר ונתן לנו את 'תורתו', מען זאגט כלפי דעם אייבערשטען אז ער האט געגעבן 'זיין' תורה. דאס טייטשט איבער דער טור אז זיין תורה, תורתו, "והשמיענו דבריו" - 'זיינע' ווערטער - "מתוך האש", עס איז נישט סתם ווערטער, דאס ברענגט ארויס אז דאס איז "תורתו" דאס איז די ווערטער פון אייבערשטן "מתוך האש". ונתן לנו את תורתו הקדושה וואס דאס איז 'כלי חמדתו' דאס איז דעם אייבערשטנ'ס חפץ, דעם אייבערשטנ'ס גלוסטעניש כלי, וואס דאס איז געווען די שעשועים פון דעם אייבערשטן בכל יום, דאס האט ער אונז געגעבן, דאס איז יכוון בברכתו על מעמד הר סיני.

## ונתן לנו את תורתו – זיין תורה

יעדער איד מאכט יעדן טאג ברכות התורה, און יעדער פארשטייט אז מען לויבט אויף די תורה, אבער דער טור זאגט דא אז לויבן אויף די תורה איז ביי ברוך אתה ה' נותן התורה, ברכות המצוות זאגסטו אשר קדשנו במצוותיו, דא איז דא א ברכה אויף מעמד הר סיני, דער באשעפער האט אויסגעוועלט די אידן פון אלע גוים, און געמאכט מען זאל הערן זיינע ווערטער מתוך האש. דאס איז אויך די לשון וואס מיר זאגן ביי די הייליגע טעג ווען מען הייבט אן די ברכה פון שופרות זאגט מען דארט "אתה נגלית" די צורה פון די ברכה, די גאנצע הקדמה דארט, איז ארויסצוברענגען די אהבה פון אייבערשטן צו אידן וויאזוי דער אייבערשטער האט זיך מגלה געווען צו אידן, און אונז געמאכט הערן את הוד קולך ודברות קדשך מלהבות אש. דאס איז פשוט א ידיעה, וואס מען דארף וויסן, ווען מען מאכט א ברכה, וואס טוסטו מיט דער ברכה? געדענקען מעמד הר סיני. וואס מיינט געדענקען מעמד הר סיני? געדענקען אז דער אייבערשטער האט אונז געגעבן "זיין" תורה, און "זיין" תורה ברענגט זיך ארויס מיט די ווערטער "מתוך האש, כלי חמדתו שהיה משתעשע בה בכל יום".

## להודיע קדושת ורוחניות התורה

דער ב"ח, ווען ער איז מסביר דעם טור, שמועסט ער אויס דאס וואס אונז האבן גערעדט, אז דער טור וויל ענטפערן וואס איז די אנדערע ברכה. און ער זאגט דאס לשון קלאר, אז די ברכה שניה איז א הודאה ושבח אויף דעם וואס ער האט אונז געגעבן תורתו וכלי חמדתו מתוך האש, "להורות על קדושתו ורוחניותו" דער ציל פון ארויסברענגען די ווערטער איז צו ווייזן די רוחניות און די קדושה פון תורה. דאס איז דער לשון פון די הייליגער ב"ח, צו ווייזן די קדושה און די רוחניות פון תורה. און ווייל הזהיר אותנו, עס איז דא א לאו, אז מען טאר נישט פארגעסן מעמד הר סיני. ווי דער פסוק זאגט "השמר לך ושמור נפשך מאד פן תשכח את הדברים אשר ראו עיניך, יום אשר עמדת לפני ה' אלקיך בחורב", און אין המשך פון פסוק שטייט ארויסגעברענגט מיט דעם לשון וואס דער ב"ח זאגט, דער פסוק זאגט אז דו זאלסט נישט פארגעסן דעם טאג וואס דו ביסט געשטאנען בחורב, ביי הר סיני "ותקרבון ותעמדון תחת ההר וההר בוער באש". די תורה גיבט עס ארויס מיט דעם לשון, אז די אידן זענען געקומען צום הר סיני "וההר בוער באש, וידבר ה' אליכם מתוך האש". די תורה איז די גאנצע צייט מדגיש אז דעם אופן פון מסירת התורה, פון מתן תורה איז געווען "וההר בוער באש, וידבר ה' אליכם מתוך האש".

וואס איז טאקע די נקודה פארוואס די תורה איז מדגיש די גאנצע צייט "מתוך האש", וואס ברענגט מען ארויס מיט דעם? זאגט דער ב"ח אין איין ווארט: "להודיע קדושת ורוחניות התורה". די תורה איז נישט סתם א מצוה וואס דער אייבערשטער האט געגעבן. די תורה איז א קדושה און א רוחניות. דאס ברענגט ארויס די תורה מיט די לשונות, אז דער אייבערשטער האט געגעבן די תורה, דער אייבערשטער האט גערעדט "מתוך האש", און דאס לויבט מען אויף מעמד הר סיני.

## על שלא ברכו בתורה תחילה

דא ביי ברכת התורה איז דאס לשון אין טור און שולחן ערוך אז מען דארף זיין נזהר מאד, מען דארף א גרויסע זהירות אין ברכת התורה, די גרויסע זהירות איז געבויעט אויף דאס וואס די גמרא (ב"מ פה.) זאגט: "על מה אבדה הארץ" די חכמים און די נביאים האבן נישט געוואוסט צו ענטפערן פארוואס דער אייבערשטער פירט די אידן אין גלות, ביז דער אייבערשטער האט אליין געזאגט: "על עזבם את תורתי ולא שמעו בקולי ולא הלכו בה". זאגט די גמרא אז דאס מיינט שלא ברכו בתורה תחילה. די גמרא זאגט נישט אז מען האט נישט געמאכט ברכת התורה פאר'ן לערנען, נאר

שלא ברכו בתורה 'תחילה', אודאי האט מען געמאכט ברכת התורה, נאר זיי האבן נישט מדקדק געווען אז מען זאל גארנישט לערנען פאר ברכת התורה, אזוי טייטשן די ראשונים די גמרא.

אודאי איז אמת אז יעדע מצוה דארף א ברכה, אבער מען זעט נישט אז די זאך איז אזוי הארב. אז מען טוט א מצוה אן א ברכה, איז עס נישט מעכב, דא ביי ברכת התורה איז עס אזוי שארף עד כדי כך אז די חורבן איז געווען ווייל מען האט נישט געמאכט ברכת התורה גלייך פאר'ן לערנען. וואס איז די גרויסע הארבקייט? אין ראשונים שטייט פשט[ג], פשוט, דאס ברענגט ארויס אז מען האט נישט מחשיב געווען די תורה. מען האט געלערנט, מען האט אויסגענוצט די צייט, אבער מען האט נישט געפילט די שבח פון אייבערשטען, מ'האט נישט ארויסגעברענגט דעם לויב צום אייבערשטן פאר'ן לערנען, מען האט נישט גענוג מחשיב געווען, דאס איז "שלא ברכו בתורה תחילה", דאס ווייזט אז מען האט נישט פארשטאנען די חשיבות פון תורה.

אין אמת'ן אריין, יעצט איז נאך אלץ נישט פארענטפערט, וואס איז אזוי הארב דאס וואס מען ווייסט נישט די חשיבות התורה, אז ארץ ישראל איז פאר דעם חרוב געווארן. דער אמת איז אז דער מהר"ל אין תפארת ישראל שרייבט ער אז באמת לפי די חשיבות התורה, איז נישט מעגליך אז מען זאל דאנקען דעם אייבערשטן כראוי אויף די תורה, עס איז נישט מעגליך, נאר וואס דען עס איז פשוט אז אין הקב"ה בא בטרוניא עם בריותיו, עס איז דאך נישט שייך, איז וואס איז געווען די גרויסע חטא שלא ברכו בתורה תחילה.

## הנהנה מדברי תורה – ווי מועל בהקדש

אין משניות אבות (א יג) זעט מען זייער שארף וועגן דעם, אז "הלומד על מנת לעשות, מספיקין בידו ללמוד וללמד ולעשות", און איינער וואס איז "לומד על מנת ללמד, מספיקין בידו ללמוד וללמד". און נאכדעם זאגט די משנה דארט אז איינער וואס איז משתמש בתגא חלף, איינער וואס איז נהנה מדברי תורה איז נוטל חייו מן העולם, ער נעמט זיין לעבן פון די וועלט. און ווי דער ברטנורא איז דארט מסביר, איינער וואס האט הנאה פון די תורה, איז ער מחלל און פארשוועכט קדושת התורה. עס איז ווי מועל בקדשים, פונקט ווי ביי קדשים, טאר מען נישט הנאה האבן פון דעם, ער האט הנאה פון אייבערשטנ'ס זאכן, עס איז מועל בקדשים, ער איז חייב מיתה.

ג. עי' נדרים פא. בר"ן ד"ה דבר זה.

איינער וואס איז נהנה, ער מאכט די תורה א "קרדום לחפור בה", דאס הייסט לערן נישט ווייל דו ווילסט דאס זאל זיין דיין פרנסה, עס איז זייער שארף.

יעצט, למעשה, שטייט שוין תירוצים פארוואס היינט מעג יא נעמען שכר פאר'ן לערנען. עס איז א גרויסע אריכות אין ראשונים שוין, אין רמב"ם און אנדערע, א מלמד איז דער תירוץ אז ער נעמט בעיקר שכר פאר'ן בעיביסיטן, ער געבט אכטונג אויף די קינדער אז זיי זאלן נישט טון קיין אנדערע זאכן[ד], אבער אויף די עצם לימוד התורה טאר מען נישט נעמען, אויף געוויסע אופנים קען מען יא נעמען שכר, עס איז דא אין דעם הלכות, דער אוה"ח הק' זאגט שוין אז אויב א תלמיד חכם דארף אויך ארבעטן, איז עס שווער צו קענען קונה זיין די גאנצע תורה. במילא, איז ענדערש יא צו מקיל זיין אז מען מעג יא נעמען געלט, כדי צו קענען לערנען די תורה.

אבער בעצם די הבנה, דער פשט פון די הלכה, וואס איז אזוי הארב? וואס טוט ער דען מיט די תורה אז ער ניצט עס, ער לערנט דאך שלא לשמה? אזוי הארב צו זאגן חייב מיתה? די התחלה פון דעם איז דאך אין די גמרא אין בבא מציעא וואס שטייט, "על מה אבדה הארץ? על שלא ברכו בתורה תחילה". זיי האבן הנאה געהאט מדברי תורה, זיי האבן געניצט די תורה פאר זייער אייגענע הנאה. דאס איז בעצם חיוב מיתה, "נוטל חייו מן העולם". וואס איז אזוי הארב? וואס איז די גרויסע עבירה אז ער איז ממש חיוב מיתה?

## אנא נפשי כתבית יהבית

נאר וואס דען, אז מען פארשטייט די מהות פון די תורה בכלל, וואס איז די תורה? די תורה איז כביכול דער אייבערשטער וואס ער איז אין סוף, און ער האט באשאפן עולמות און מלאכים אן קיין שיעור, און די גדלות פון די מלאכים איז ווי די גמרא רעכנט אויס אין חגיגה (יג.) ווי איינער איז העכער פון דעם צווייטן, און אלעס כלפי דעם אייבערשטן איז ווי גארנישט, כלא היה, אז מען פארשטייט די גרויסקייט פון אייבערשטן, און דער אייבערשטער איז זיך געגאנגען מצמצם זיין, און ס'שטייט די לשון ביי מתן תורה וירד ה', און ווי דער תרגום זאגט וירד ואתגלי, איז דער אייבערשטער געגאנגען און זיך מצמצם געווען אין די תורה, וואס בעצם שטייט אז אלעס איז שמות פונעם אייבערשטן, נאר לטובת כלל ישראל האט דער אייבערשטער זיך מצמצם געווען, און ווי עס שטייט טאקע אין גמרא אין שבת (קה:) אז דאס מיינט אנכי, אנא נפשי כתבית יהבית, כביכול, אז דער אייבערשטער האט געזאגט אז מיין

ד. עי' נדרים לז. רב אמר שכר שימור.

נפש האב איך אייך געגעבן געשריבענערהייט, דאס איז די תורה, די תורה איז דער אייבערשטער אליין, קוב״ה אורייתא וישראל חד, דער אייבערשטער זאגט אין די תורה האב איך מיך איבערגעגעבן, אנא נפשי כתבית יהבית, איז בעצם די תורה איז דער אייבערשטער אליין, איז די תורה אש, דבריו מתוך האש, עס איז אינגאנצן נישט קיין זאך וואס א גשמיות׳דיגער מענטש קען האבן א שייכות מיט דעם, ער קען נישט האבן א קשר מיט דעם, דאס איז תורה, תורה איז כביכול דער אייבערשטער, איז בעצם וואלט א מענטש נישט געהאט קיין רעכט בכלל צו לערנען, צו אריינרעדן אין דעם, ווי קומט א מענטש א בשר ודם זאל אפילו זאגן די ווערטער, אין די גמרא (ברכות כב.) שטייט עס איז געווען א תקנת עזרא אז די לערנען דארף זיין באימה וביראה, אונז וויסן נישט וואס די ווערטער מיינען אפילו, אבער אזוי זאגט די גמרא, וועגן דעם איז דא א חיוב טבילה, און דאס זאגט די גמרא אז עס דארף זיין אזויווי מעמד הר סיני, די עצם לערנען פשוט לערנען, לכאורה וואס דארף מען לערנען די תורה כנתינתה מסיני, דער עיקר איז לערנען די אינפארמעישן, די ידיעות, וויסן וואס מען מעג און וואס מען טאר נישט, זאגט די גמרא ניין, נישט דאס איז לימוד התורה, אוודאי מען מוז וויסן וואס מען מעג און וואס מען טאר נישט, אבער דאס איז נישט לימוד התורה, נאר אויב עס איז אזוי ווי כנתינתן מהר סיני, דאס איז די תורה.

## עומק טענת המלאכים תנה הודך על השמים

און (בעצם) דאס האבן אלע מלאכים געטענה׳ט תנה הודך על השמים, זיי האבן עפעס נישט פארגינען כלל ישראל זיי זאלן לערנען די תורה? נאר די מלאכים האבן זיך אנגענומען פאר קדושת התורה, זיי האבן נישט פארשטאנען ווי קען זיין אז דער אייבערשטער האט געגעבן די תורה פאר די וועלט, עס איז א בזיון פאר די תורה, עס האט נישט קיין פשט, די מלאכים פארשטייען דאך לפי השגתם עכ״פ, זיי פארשטייען אויך נישט גדלות ה׳, אבער לפי השגתם פארשטייען זיי אין גדלות ה׳, האבן זיי פארשטאנען אז די תורה וואס דאס איז דער אייבערשטער, איז ווי קען דאס גיין אויף די וועלט? עס שטימט נישט בכלל, אבער דער אייבערשטער האט דאך יא געוואלט, האט ער זיך כביכול משפיל געווען, ווי די לשון פון די ספרים איז, און ער האט זיך מצמצם געווען, ער האט זיך אראפגעלאזט לתועלת בני ישראל, אבער דאס איז נישט מגלה אז דאס איז די תורה, די תורה איז א זאך וואס באמת האט א מענטש נישט קיין שייכות מיט דעם, איז ממילא איז זייער פשוט אז די תורה מעג מען נאר לערנען ווייל איך לערן תורה, אז נישט האסטו נישט קיין רעכט צו לערנען תורה, וואס רירסטו אן א זאך וואס באלאנגט צום אייבערשטן, וואס רירסטו צו כביכול דעם אייבערשטן?

## הלא כה דברי כאש

די תורה איז אש די תורה איז פייער, מען קען נישט אנכאפן קיין פייער, אז מען כאפט אן פייער ווערט מען פארברענט. דער מאור עינים זאגט אז תורה מוז זיין מיט יראת שמים, ווייל יראת שמים איז דער בית, די האלטער, וועגן דעם איז די תורה אדער סם החיים אדער סם המות, וואס עפעס סם המות? איך לערן נישט תורה לשמה איך האב נישט קיין סם חיים איך בין נישט אין די מדריגה, זאל זיין נישט די מעלה פון סם החיים, פארוואס מוז עס זיין אז אדער לעבט עס אויף, און א מענטש וואס האט געדארפט שטארבן איז די תורה לעבט אים אויף, אדער סם המות, פארוואס אדער-אדער? ווייל די תורה איז נישט סתם א זאך, די תורה איז א געטליכקייט, נוצטו אזוי ווי עס דארף זיין, איז עס סם החיים, אז נישט איז פארקערט, עס איז נישטא קיין צווישן, דאס איז תורה, תורה איז דער אייבערשטער אליין 'אנא נפשי כתבית יהבית' דאס איז די מציאות פון תורה.

[פון גר"א שטייט א הסבר, ער לייגט עס אריין אין די מציאות ווי אזוי עס ארבעט אויפ'ן נפש, די תורה ברענגט אז דער מענטש זאל ארויסגעבן זיין פנימיות, האט ער יראת שמים, וועט די תורה אויפקאכן זיין יראת שמים, טאמער פארקערט, ער האט נישט קיין יראת שמים ער איז א קל, וועט די תורה אויפקאכן זיין קלות, עס מאכט אים נאך ערגער, עס מאכט אים סם המות].

## נאר לצורך האט מען מתיר געווען הנאה צו האבן

עכ"פ בעצם תורה איז דער אייבערשטער אליין, ממילא פארשטייט מען זייער גוט דאס וואס די משנה זאגט אז איינער איז נהנה פון דברי תורה איז ער חייב מיתה, נישט ווייל דו האסט מבזה געווען די תורה, נאר דאס אליין איז די גרעסטע בזיון, דו נעמסט דעם אייבערשטן פאר דיר פאר דיין הנאה? א מענטש טוט א מצוה שלא לשמה, איז עס נישט ווי עס דארף צו זיין, ער איז אבער נישט חייב מיתה, אבער א מענטש האט נישט קיין רעכט בכלל אנצורירן דעם אייבערשטן, נאר מען האט אים מתיר געווען, דער אייבערשטער האט אים געגעבן א זכות ווייל ער וויל מען זאל לערנען תורה, אבער אז עס איז נישט פאר'ן אייבערשטן איז חייב מיתה, האסט נישט קיין רעכט, קומסט אריין אין בית המקדש פארשטייט מען אז חייב מיתה, קומסט אריין אין בית המקדש, א כהן גדול מעג אריינקומען אין קודש הקדשים, אבער סתם אזוי, א זר טאר נישט אריינקומען דארט, א ישראל טאר נישט אריינקומען אין בית המקדש, מען פארשטייט אז דא איז א הייליגע פלאץ דעם אייבערשטענ'ס הויז, און דו ביסט

מחלל דעם פלאץ, אז איינער לערנט תורה פאר די אייגענע הנאה, מעיקר הדין איז ער פונקט ווי א זר וואס קומט אריין אין בית המקדש, א טמא'נער מענטש וואס קומט אריין אין בית המקדש איז חייב מיתה, פארוואס? ווייל ער האט זיך געטשעפעט מיט'ן אייבערשטן, ער איז מבזה כבוד ה'. תורה איז דער אייבערשטער, תורה איז נאר לשם שמים, אנדערש איז נעקר מן העולם, דאס איז סתם די מושג 'תורה' וואס דאס מיינט תורה, דאס איז די פשוט'ע טייטש פון תורה, יעצט פונקט אזויווי דער אייבערשטער ווען ער האט געוואלט געבן די תורה האט ער זיך אראפגעלאזט לטובת כלל ישראל, איז די זעלבע זאך די השגה פון לשמה, מען דארף דאך לערנען שלא לשמה כדי צו צוקומען צו לשמה, האט כביכול דער אייבערשטער מוותר געווען אויף זיין כבוד, אלעס אז זיינע קינדער זאלען דורך דעם צוקומען צו ווערען נאנט צו איהם דורך די תורה, אלעס ווייל עס פעלט אויס, אבער עס טוישט נישט די מהות פון די תורה, עס איז ווייטער די זעלבע זאך, און ווען עס איז נישטא די אלע גדרי ההלכה ווי אזוי מען מעג נהנה זיין פון די תורה, איז געפערליך, עס איז זייער הארב צו נהנה זיין פון דברי תורה, דו טארסט נישט.

די הבנה אין תורה וואס דאס איז די א' ב' וואס מיינט תורה, אז מען האט דער הבנה פארשטייט מען זייער פשוט קודם די משנה וואס מען רעדט יעצט, אז ער איז נהנה מדברי תורה איז ער חייב מיתה, ווי דער ברטנורא זאגט דאס לשון ווייל ער איז 'נהנה מן ההקדש' מען טאר נישט נהנה זיין פון קדשים, עס איז נישט סתם א זאך וואס עס איז סתם שלא לשמה, די רגע וואס דו ביסט אריין איז שוין א עוולה, שוין חייב מיתה, קומסט אריין אין בית המקדש, איינער קען זאגן איך האב נישט געוואלט, איך בין געווען א שוגג, איז טאקע דא חילוקים במזיד בשוגג, אבער דער מציאות האסטו געטון, ווען דו ביסט נהנה מדברי תורה טשעפעסטו זיך מיט די תורה, און דאס מיינט כביכול מיט דעם אייבערשטן אליין, (און א זאך וואס דער אייבערשטער וויל געבן פאר די טובה פון כלל ישראל, נוצסטו עס אויס פאר דיין אייגענע אינטערעסן), דאס איז די מהות פון תורה.

## ברכת התורה – געדענק וואס תורה איז

איז ממילא פארשטייט מען דאס וואס דער טור זאגט אז מען דארף מאכן א ברכה אויף מעמד הר סיני, און (בעצם) מאכן א ברכה אויף מעמד הר סיני קען מען טאקע פארשטיין אז עס איז א מצוה מדאורייתא אז מען דארף געדענקן יעדן טאג מעמד הר סיני מאכט מען א ברכה אויף דעם, אבער וואס האט דאס מיט פאר'ן לערנען, פאר'ן לערנען דארף מען מקיים זיין די מצוה פון זכירת מעמד הר סיני? אונז זאג מיר די שש זכירות אויך נאכ'ן לערנען, עס איז דאך א עקסטערע מצוה פאר זיך. אבער

יעצט פארשטייט מען, פאר דו גייסט צו צום תורה בכלל, דארפסטו געדענקען אז די תורה קומט פון מעמד הר סיני, און דער אייבערשטער אליין האט גערעדט צו כלל ישראל, מתוך האש, דאס איז תורה, מתוך האש, דבריו דער אייבערשטענ'ס תורה, 'כלי חמדתו' וואס דער אייבערשטער האט זיך משתעשע געווען מיט דעם יעדן טאג, דאס איז געווען דעם אייבערשטענ'ס זאך אליין, דאס האט ער אונז געגעבן, ער האט אונז אוועקגעגעבן זיין תורה, די לשון פון טור איז "תורתו הקדושה כלי חמדתו שהיה משתעשע בה בכל יום" דאס האט ער דיר געגעבן, דאס דארפסטו וויסן פאר'ן לערנען. אויסער וואס זכירת מעמד הר סיני איז סתם א מצוה, איז דאס א הקדמה אויף וואס איך גיי יעצט טון בכלל, וואס גיי איך יעצט טון? פאר'ן לערנען איז דא ברכת המצוות, און נאכדעם פארשטיי וואס דו טוסט בכלל.

עס איז דא א לשון אין זוה"ק אז א מענטש ווייסט נישט ווער איז דער מְצַוֶה און ווער איז דער בורא, וואס מיינט א מצוה, וואס איז די שכר און וואס איז די עונש, איז וואס ווילסטו פון אים האבן, ער ווייסט בכלל נישט וואס ער דרייט זיך דא. איז פאר'ן לערנען דארף מען וויסן אז עס איז געווען א מעמד הר סיני, חז"ל האבן מחייב געווען, און וועגן דעם איז הארבער לערנען ווי אנדערע מצוות אויב מען האט עס געטון אן א ברכה, איי איך גיי מאכן א ברכה שפעטער, ניין, אז דו גייסט צו צום לערנען פאר'ן מאכן א ברכה, מיינט עס אז דו ווייסט נישט וואס דו טוסט בכלל, ממילא האסטו נישט קיין רעכט צו לערנען אפילו, עס איז אן עולה, עס איז נישט אזויווי איינער טוט אן א טלית אן קיין ברכה, דעמאלס פעלט נאר אין דעם דרבנן'דיגע דין פון ברכת המצוות, דאס האסטו פארפאסט, מען טאר דאס אויך נישט פארפאסן, אבער עס איז נישט אזוי הארב. אבער נישט צו מאכן א ברכה פאר'ן לערנען ווער זאגט אז דו האסט א רעכט צו לערנען בכלל, די מלאכים זענען געוועכט, תנה הודך על השמים, דו קענסט נישט ארייןנקומען אין בית המקדש, ווען דו ווייסט נישט וואו דו קומסט אריין בכלל, דו טארסט נישט, די עצם זאך איז שוין א עוולה, נישט ווייל דו האסט פארפאסט ברכת המצוות, די עוולה איז דער לערנען, דו טארסט נישט צוגיין צום לערנען פאר'ן וויסן וואס איז תורה בכלל.

## קדושת התורה איז פונקט ווי קדושת בית המקדש

דאס איז די גרויסע הארבקייט פון 'לא ברכו בתורה תחילה' און צוליב דעם איז אבדה הארץ, דאס איז די זעלבע געדאנק, ווייל פארוואס איז דא א בית המקדש, פארוואס איז דא אן ארץ, דער אייבערשטער וויל רוען אויף דער וועלט, דער אייבערשטער וויל אראפקומען אויף דער וועלט, איז דא ארץ ישראל, און עס איז

דא א מקום המקדש, און עס איז דא אן ארון, וואס דאס איז א מקום פאר השראת השכינה, און דאס איז די גאנצע סיבה פון די בית המקדש, דארט ברענגט מען קרבנות, און פון דארט קומט אראפ די השראת השכינה אויף די גאנצע וועלט, דאס איז די בית המקדש. און פונקט ווי עס איז דא א בית המקדש פאר די וועלט איז אויך דא בפרטות פאר יעדער איד, די תורה איז געמאכט צו צובינדן די אידישע נשמה צום אייבערשטן, די תורה איז מקשר, קודשא בריך הוא אורייתא וישראל חד, און די וועג וויאזוי די נשמה, די חלק אלו-ק ממעל, וואס איז דא ביי יעדן איד, האט א שייכות צום אייבערשטן, איז נאר די תורה. איז די תורה פונקט אזויווי די בית המקדש בעולם, איז די תורה בנפש, דאס איז די תורה. ממילא די צושטעל צו על מה אבדה הארץ איז פשוט, ווייל דער ציל פון תורה איז ברענגען צו זיין נאנט צום אייבערשטן, און דו מאכסט נישט דו ברכה פאר דו הייבסט אן צו לערנען, ווייסטו בכלל נישט וואס תורה איז, ממילא פארשטייסטו נישט אז די ציל איז די שכינה זאל רוען אויף דער וועלט, זאלסט האבן א שייכות מיטן אייבערשטן, נתאוה הקדוש ברוך הוא להיות לו דירה בתחתונים. דארף שוין נישט זיין קיין ארץ ישראל, און עס דארף נישט זיין קיין בית המקדש, ווייל עס איזביידע די זעלבע זאך. על מה אבדה הארץ על שלא ברכו בתורה תחילה, מען האט געלערנט און מען איז נישט צוגעגאנגען צו די תורה אזוי ווי עס דארף צו זיין. קענסט ברענגען קרבנות אין בית המקדש, אבער טאמער פארשטייסטו נישט וואס די בית המקדש איז וואס דארף מען קרבנות, וואס דארף מען א בית המקדש.

## דערהערן וואס תורה מיינט

איך מיין אז טאמער מען האט אז מינדעסטע הבנה וואס איז תורה, קען מען שפארן שעות פון מאריך זיין אין די חלק הלכה פון מפסיק זיין אינמיטן לערנען, חשיבות התורה, וועלן פארשטיין, וועלן געדענקען, עס איז דא א לאו ״השמר לך פן תשכח״ וואס איז אזוי הארב אז מען וועט פארגעסן, ווייל דאס איז דער אייבערשטער אליין און דו לערנסט עס אן צו מחשיב זיין וועגן דעם קענסטו עס פארגעסן, ווייל א זאך וואס פאר דיר גייט עס אין לעבן וואלסטו עס נישט פארגעסן. מען קען שפארן זייער אסאך דרשות, ווען מען דערהערט די פשוט׳ע טייטש וואס מיינט תורה בכלל, פארוואס דארף א איד לערנען, וואס וויל דער אייבערשטער, פארוואס האט מען געגעבן די תורה? דאס איז פשוט די הבנה פון תורה.

וועגן דעם איז אזוי הארב דער ׳מפסיק ממשנתו׳ פארוואס איז עס אזוי הארב, מאכילין אותו גחלי רתמים, וואס האט ער שוין געטון? אויף די היינטיגע שפראך וועט

מען זאגן "פריי זיך אז ער האט געלערנט פארדעם און פריי זיך ער האט געלערנט נאכדעם" האט ער מפסיק געווען וואס איז? פשט איז אז ווען דו ביסט מפסיק ביסטו פוגם אין די תורה, דו מאכסט אז די תורה פון פארדעם און נאכדעם איז נישט קיין תורה בכלל, אז דו פארשטייסט נישט וואס איז תורה לערנסטו נישט קיין תורה.

יעצט, מען גייט נישט זאגן אז מען זאל נישט לערנען וועגן דעם, אזוי ווי מען האט פריער געשמועסט, די זעלבע היתר וואס מיר זאגן אז מען מעג נעמען געלט כדי צו לערנען, ווייל ענדערש ער זאל אזוי טון און אפשר שפעטער וועט ער יא צוקומען צו עפעס, וועט מען אויך זאגן היינט אז מען גייט נישט זאגן אז מען זאל נישט לערנען. די פגם בלייבט א פגם, די איסור בלייבט איסור, חז"ל זאגן אז איינער איז מפסיק מדברי תורה ער כאפט נישט וואס ער טוט, ער ווייסט נישט וואס ער טוט, ער לערנט נישט בכלל, ער קומט אריין ווייל ער איז אזוי צוגעוואוינט, ער האט נעכטן געלערנט, ער וועט מארגן לערנען, ווייל מען האט אים געהייסן, צי ווייל מען געבט אים געלט, צי ווייל ער וויל וויסן די הלכה, עס איז נאכנישט תורה, ער ווייסט נישט וואס תורה איז, ווען נישט וואלט ער נישט מפסיק געווען, אז ער איז מפסיק אינמיטן כאפט ער נישט וואס תורה איז.

די אלע זאכן איז באמת ממש דברים פשוטים, אמאל איז דא וואס מען זאגט א טיפע בחינה פון די ספרים, אבער דאס איז פשוט, דאס איז די עברי-טייטש פון די תורה, מען דארף עס פשוט דערהערן און געדענקען און חזר'ן, אז מען מאכט א ברכה יעדן טאג צו געדענקען מעמד הר סיני, און דאס דארף מען געדענקען פאר'ן לערנען, ווי די גמרא זאגט על מה אבדה הארץ וועגן דעם, און ווי דער שולחן ערוך זאגט מאד צריך ליזהר בה, מען דארף עס אריינגעמען אין זיך, אודאי מחמת הרגל ווערט יעדע זאך אפגעשוואכט, דארף מען עס חזר'ן.

## כדי תורה זאל האבן א חשיבות דארף מען דערהערן קדושת התורה

און יעצט קען מען אויך פארשטיין, אמאל טראכט מען עס איז געווען א מדריגה פון צדיקים וואס עס האט זיי אזוי געברענט די קדושת התורה, עס האט זיי אזוי געבאדערט אז מען לערנט אן א מקוה, און דער אמת איז אז דער זאך איז געווען מער ביי חסידים. איך געדענק אמאל אז עס זענען געקומען דא אפאר ליטווישע בחורים פון לעיקוואד אסאך יארן צוריק, און דער רבי האט זיי געגעבן, וועגן קדושת התורה, קדושת התורה, ווייל דאס לערנען אויב עס איז נישט געווען בטהרה האט עס נישט

געהאט קיין שום מעלה נישט, עס איז בכלל נישט געווען אינטערעסאנט. עכ"פ דאס איז געווען ביי די צדיקים וואס זיי האבן פארשטאנען די קדושת התורה.

עס איז דא די חלק הלכה, מען קען נישט זאגן, על פי הלכה האט מען מבטל געווען טבילת עזרא, אבער די זעלבע זאך ווען מען האט פארטייטשט די ספרים אין ענגליש, ער פלעגט אייביג זאגן פון זיין טאטן ווי עס האט אים וויי געטון אז מען האט פארטייטשט די גמרא אין אונגאריש, עס איז שוין געדרוקט היינט אין עבודת עבודה, ער פלעגט נאכזאגן אז זיין טאטע האט זיך דעמאלס אויסגעדרוקט אז דער וואס האט עס געטון וועט קיינמאל פון גיהנם נישט ארויסגיין, ער האט עס געזאגט ווייל עס האט אים אזוי געבאדערט, און אזוי וויי געטון די עלבון התורה. וואס האט אים אזוי פארדראסן? די פשוט'ע הרגש פון קדושת התורה, די תורה פון דעם אייבערשטן ווי מען האט יעצט גערעדט, די תורה פון דעם אייבערשטן אליין. קומסט עס פארטייטשן אויף א גוי'אישע שפראך? און ווען מען פארשטייט עס פארשטייט מען אז אפילו ווען דו מיינסט עס לתועלת, דו ווילסט אז אפילו מענטשן וואס קענען נישט זאלן פארשטיין, עס קומט מיט חשבונות, אבער דו שפילסט זיך, פונקט ווי דו זאלסט זאגן איך וויל מאכן א בעל תשובה, ער פארשטייט נישט וואס הייסט תורה ומצוות, איך מיין אז אויב איך וועל אים אריינגעמען אין בית המקדש און ער וועט זעהן דעם קדשי קדשים וועט ער זיכער נתעורר ווערן און ווערן א בעל תשובה, וועל איך אים אריינגעמען אין קודש הקדשים, עס איז זייער שיינע חשבונות אבער דער מענטש איז חייב מיתה, ער איז מחלל דעם אייבערשטען, דו קענסט נישט מאכן קיין חשבונות, די זעלבע זאך תורה איז דער אייבערשטער, נאר אויף דער וועג וויאזוי דער אייבערשטער האט דיר געלאזט לערנען תורה דאס מעגסטו, אז נישט טארסטו נישט, הנהנה מדברי תורה חייב מיתה. וויאזוי קענסטו נעמען די תורה און עס פארטייטשן אין אונגאריש? אפילו מיט חשבונות און לימודי זכות, איז איינער וואס פארשטייט נישט אז דאס איז א דבר פשוט, וואס איז די גרויסע עוולה? אפשר צדיקים האבן עס נישט געקענט פארנעמען ווייל זיי האבן געווען אזוי הייליג, ניין עס איז דברים פשוטים, אז דו פארשטייסט נישט וואס מיינט תורה פארשטייסטו נישט וואס מען רעדט.

תורה איז סתם עפעס א חכמה? עס איז סתם א מצוה וואס מען דארף וויסן? זאגן אז מען דארף לייגן תפילין קען מען זאגן פאר א גוי אויך, עס דארף זיין שווארץ, עס דארף זיין אזא הלכה, [מען טאר נישט לערנען מיט א גוי דאס איז אן עקסטערע זאך]. אבער מענטשן פארשטייען נישט ער כאפט נישט וואס די עוולה איז בכלל, אבער אין די רגע וואס מען כאפט וואס איז תורה, אז תורה איז דער אייבערשטער אליין, און על פי הלכה איז אזוי, עס איז נישט עפעס א מוסר צי עפעס על פי פנימיות, אבער פשוט

אין חז״ל שטייט אז הנהנה מדברי תורה, איז חייב מיתה, דאס איז פשוט ווייל דאס איז תורה, איז די אלע זאכן זענען דברים פשוטים.

## התבוננות ביי ברכת התורה אויף וואס מ'דאנקט

דארף מען אבער פון דעם ארויסנעמען די גרויסע מעלה און די גרויסע חשיבות וואס מען האט, מען זאגט ברכות התורה טאקע, אויף וואס דאנקט מען דעם אייבערשטען? וואס האט דיר דער אייבערשטער געגעבן? דער אייבערשטער האט אונז געגעבן א זאך וואס אונז קענען נישט משער זיין און מען קען נישט ארויסברענגען און מען קען נישט פארשטיין, די געוואלדיגע מעלה, די גרעסטע זאך אין דער וועלט האט דער אייבערשטער געגעבן פאר אונז, וועגן דעם לויבט מען דעם אייבערשטן, מען דאנקט דעם אייבערשטן אויף דעם. איז אזויווי עס שטייט אז עס איז א סגולה פאר גוטע קינדער, די גמרא זאגט אז איינע פון די זאכן פארוואס טרעפט מען נישט ביי תלמידי חכמים אז זייערע קינדער זאלן זיין תלמידי חכמים, שטייט אויף דעם אויך ווייל זיי זענען נישט נזהר אין ברכת התורה, וועגן דעם שטייט אויך דא די זעלבע זאך, ווייל ער האט נישט געגוג הכרת הטוב. אין צל״ח שטייט אויך אז די ברכת התורה איז א סגולה צו געדענקען לערנען, אבער לויט ווי מיר זאגן יעצט איז אויסער די חלק הסגולה שבו, איז דא די דערהער, אז דו ווייסט ווי חשוב תורה איז און וועגן דעם לויבסטו דעם אייבערשטן, ליגט די קאפ מער אין דעם און עס איז דיר מער אינטערעסאנט, ממילא פארגעסט מען נישט.

איז אודאי א מענטש איז א מענטש, באמת שטייט יא מען זאל פראבירן אריינצוטראכטן פאר ברכת התורה די גרויסקייט, אבער עס איז שוין תלוי אין געפילן, און דאס איז א זאך וואס דער מענטש איז נישט שטענדיג אין די זעלבע מצב, ווי מען זאגט מוחין דקטנות, מוחין דגדלות, מען קען נישט מחייב זיין א מענטש אזא זאך, אבער וויסן די חשיבות התורה, די ידיעה אז תורה איז א פנימיות׳דיגע און א העכערע זאך, דאס האט נישט קיין שייכות צו געפילן און צו התעוררות, נאר עס איז א מציאות, פונקט ווי מען פארשטייט אז מען ווייסט אז מען טאר נישט אריינקומען אין בית המקדש, איז אודאי אז איינער איז מיט מוחין דגדלות, און ער גרייט זיך צו עולה רגל צו זיין, און ער קומט מיט די גאנצע אהבה און מיט די גאנצע יראה צום בית המקדש, אבער איינער וואס איז נישט אין דער מדריגה און ער איז אין מוחין דקטנות, ווייסט ער אויך אז דא קען מען אריינקומען נאר אויב מען טובל׳ט זיך פאר דעם, עס איז דא הלכות, מען קען נישט סתם אזוי אריינשפאצירן, ווייל דער זאך איז הייליג, אן די געפילן, נאר די ידיעה דערפון, אז דא איז מקום המקדש וואס דארף געהיטען

ווערן מיט א הייליגקייט. און די זעלבע זאך איז מיט די תורה, וויסן וואס תורה איז, דאס דארף מען וויסן, דאס האט נישט מיט מדריגות, תורה איז א העכערקייט וואס מיר קענען נישט האבן קיין השגה אין די הויכקייט פון תורה, און כביכול דער אייבערשטער אליינס דאס איז תורה, און ווען דער יסוד איז אביסל איינגעבאקן איז פארשטייט מען שוין אליין אסאך פרטים און מען דארף שוין גארנישט זאגן.

## לשון הב"ח - שכינה בתחתונים

עס איז דא אן אנדערער ב"ח (סי׳ מ"ז ד"ה ומ"ש דאמר) וואס דער ב"ח איז מער באקאנט, דער הייליגער קאזניצער מגיד דרוקט זיך אויס אויף דעם ב"ח אז מען קען זעהן די קדושה פון דעם ב"ח פון דעם לשון, ביי חסידים האט מען אסאך געלערנט דעם ב"ח, עכ"פ דער ב"ח ברענגט ארויס דער ציל פארוואס דער אייבערשטער וויל מען זאל לערנען. עס איז כדאי צו עס לערנען אינעווייניג, בפרט א חסיד׳ישער יונגערמאן איז אפגערעדט אז דער ב"ח איז גוט צו חזר׳ן אינעווייניג, עס איז נישט די צייט צו לערנען יעצט דעם ב"ח אינעווייניג, אבער דער תוכן און די פנימיות וואס דער ב"ח ברענגט ארויס איז, אז דער ציל פארוואס דער אייבערשטער וויל מען זאל לערנען איז כדי עס זאל זיין ׳שכינה בתחתונים׳ דאס איז די אויפטו פון לערנען, ער ברענגט ארויס אז אפילו איינער לערנט כדי צו וויסן וואס מען מעג און וואס מען טאר נישט זאגט דער ב"ח אז דאס איז נישט די עכטע מכוון פון תורה, עס פעלט אויך אויס, כאטש עס שטייט פון שינאווער רב אז עס הייסט אויך לשמה ווייל ער לערנט צו מקיים זיין די מצוות, אבער דאס איז א הכנה צו עפעס אנדערש, דאס לערנען איז צו וויסן וויאזוי צו לייגן תפילין, צו קענען הלכות, תורה האט טאקע צוויי חלקים, עס איז דא צו וויסן וואס מען מעג און וואס מען טאר נישט, יעדער איד דארף וויסן און מען דארף לערנען שו"ע, מען דארף לערנען תורה כדי צו וויסן וואס איך מעג און וואס נישט, אבער די תורה איז א מצוה כשלעצמה, אפילו אז איך ווייס שוין, דארף איך לערנען יעדן טאג.

דער אור החיים הקדוש שמועסט עס אויס אין פרשת בחוקותי (עה"פ אם בחוקותי אופן א׳) אז עס איז דא א עקסטערע מצוה פון לימוד התורה, אז דער אייבערשטער וויל מען זאל לערנען. וואס איז פשט פון דעם? דאס ברענגט ארויס דער ב"ח דא, אז די ציל איז אז דורך די תורה ברענגט מען אראפ די שכינה אויפ׳ן מענטש, די שכינה רוהט דורך תורה אין דער מענטש, דאס איז די מיטל צו משרה זיין דעם אייבערשטען אויף דער וועלט, ווייל אז די שכינה רועט אויפ׳ן מענטש רועט דער אייבערשטער אויף דער וועלט, דאס איז די ציל פון די גאנצע בריאה, צו צאמצושטעלן דעם עולם

העליון מיט דער וועלט, דאס וויל דער אייבערשטער, אז אונזער נשמה זאל זיין נאנט צום אייבערשטן דארך די תורה, דאס איז די אריכות פון דעם הייליגן ב"ח.

יעצט אז מען נוצט די תורה היפך פון דעם איז נישט נאר אזיווי דער וואס האט נישט געלערנט, נאר ער מאכט א חורבן אויף די וועלט, ווען דו נוצט די תורה וואס באמת וואלט מען נישט געמעגט האבן קיין צוטריט צו דעם, פאר אנדערע גשמיות'דיגע זאכן וואס איז היפך פון דעם איז ממש חרבה הארץ. עכ"פ שלא לשמה האט מען מתיר געווען, אבער נישט פארקערט פון די ציל פון די תורה.

## מיר טוען די העכסטע זאך אויף דער וועלט

ברוך ה' אז מיר האבן די זכיה צו עוסק זיין אין די טייערסטע זאך אויף די וועלט, א גאנצע טאג זיצן און לערנען, וואס דער אייבערשטער איז זיך משתעשע מיט דעם בכל יום, דער אייבערשטער אליין לערנט אויך, די גמרא זאגט אין עבודה זרה (ג:) כביכול אז דער אייבערשטער בשלש שעות לערנט ער. אונז טוען אומנותו של הקדוש ברוך הוא, וואס דער אייבערשטער טוט טוען אונז אויך, מען לערנט. דער אור החיים הקדוש זאגט אין פרשת צו אויפ'ן פסוק "זאת התורה לעולה ולמנחה ולחטאת ולשלמים" אז מען וועט לערנען טוט מען אויף מער ווי אלע קרבנות, אז מיר זענען אין גלות איז דא צוויי סארט אופנים פון אויפטון וואס מען איז אין גלות, דער אייבערשטער זאל אויסהיטן אדער דורך יסורים אז א מענטש האט יסורים מיט דעם הייבט ער אויף ניצוצות, דער אייבערשטער זאל אפהיטן, בפרט איז דאס מער ווען א גוי מאכט יסורים פאר א איד פארשטייט זיך אז ער איז מעלה מיט דעם ניצוצות, אזיווי דער אור החיים הקדוש איז דארט מסביר, און נאכדעם איז דא א צווייטע וועג ווי אזוי מען קען דאס אלעס מעלה זיין, דורכ'ן לערנען, פשוט לערנען, אמאל קען ארייגגיין ביי איינעם א געפיל אינמיטן לערנען וואס טוט ער יעצט? וואס ער טוט?! ער טוט די גרעסטע זאך אין די וועלט! אויסער פשוט די מצוה וואס דאס איז די גרעסטע מצוה, און אויך אלע תיקונים וואס פעלט אויס פרטיות'דיג פאר דעם מענטש און בכלליות פאר די וועלט, סתם פשוט ער לערנט און מיט דעם וועט געשען די גרעסטע תיקונים וואס איז שייך.

עס איז דא א גאנצע אריכות דארט אין אור החיים הקדוש אין פרשת צו, די גרויסקייט פון פשוט לערנען, עס איז מקרב ביאת המשיח. פארשטייט זיך אז מען לערנט יעדער איינער לפי מדריגתו לשם שמים איז עס א תיקון פאר די גאנצע וועלט, סתם פשוט ער לערנט, די עצם תורה, כח התורה הייבט אויף אלעס, עס איז מעלה אלעס.

בפרט אז עס איז דא די מעלה פון יגיעת התורה, ער מוטשעט זיך, נישט סתם געלערנט און געגאנגען ווייטער, ער מוטשעט זיך און ער וויל ארויסהאבן און אז ער פארשטייט נאך נישט געהעריג לערנט ער נאכאמאל און נאכאמאל, נישט אז ער האט נישט קיין געדולד לערנט ער ווייטער, ער וויל גוט פארשטיין און גוט געדענקען איז אפילו א זאך וואס ער האט שוין געלערנט חזר'ט ער עס איבער, אפילו אז עס איז שוין נישטא די אינטערעסאנטקייט פון א נייע זאך אפילו אזוי חזר'ט ער נאך און נאך כדי צו געדענקען, דאס איז אלעס חלקים פון יגיעת התורה. און די עיקר שכר איז פאר יגיעת התורה, און מיט דעם ווערט דער מענטש אן אנדערער מענטש, אן אנדערע מהות.

## תורה איז מזון הנשמה

און עס איז אויך דא א ענין וואס מען האט שוין גערעדט דא אמאל, און עס איז כדאי צו רעדן נאכאמאל, אז א מענטש פארשטייט נישט אמאל וואס פעלט אים, ער איז נישט צופרידן און ער ווייסט נישט וואס פעלט אים. יעדער פארשטייט אז א מענטש עסט נישט האט ער נישט קיין כח, און טאמער זוכט ער עצות און ער גייט און ער טוט נישט צו די זאך וועט אים גארנישט העלפן, ער קען זוכן אלע מיני עצות, אז ער טרינקט נישט און ער געבט נישט פאר זיין גוף די פשוט'ע עסן וועט ער זיין שוואך, ער קען גיין צום דאקטער, ער וויל גיין צום פסיכאלאג, אבער עס וועט אים גארנישט העלפן, דו דארפסט עסן און אז דו עסט נישט האסטו נישט קיין כח.

**א איד'ס נשמה דארף תורה**, און אָן דעם וועט אים גארנישט העלפן, ער גייט נישט זיין צופרידן, ער קען טון אלע סארט זאכן און ער קען אנטלויפן פון זיך אליין, ווערן ביזי מיט אנדערע זאכן און ער וועט נאך אלץ נישט זיין צופרידן, ווייל א איד'ס נשמה וועט זיין צופרידן נאר פון תורה, דאס איז די מציאות פון א איד. אזוי ווי א גוף דארף עסן דארף די נשמה לערנען. א איד האט א נשמה, א גוי דארף עס נישט, ער קען זיין צופרידן אן צו לערנען, אבער א איד קען נישט זיין צופרידן אן צו לערנען תורה, דאס איז א מציאות, איינער וואס זעהט זעהט עס, איינער קען האבן אלעס וואס איר חלומ'ט און ער לעבט נישט, ער זאגט אליין אז ער פילט נישט קיין שום חיות נישט, אז מען פרעגט אים וואס פעלט אים ווייסט ער נישט. א איד'ס נשמה דארף תורה, דאס איז די מציאות, דאס איז די מזון הנפש, דאס איז א נשמה, דאס מאכט א מענטש צופרידן. איז אויב א מענטש עסט נישט, דער אייבערשטער זאל אפהיטן, אויטאמאטיש קומט מיט אנדערע זאכן, אז ער ווערט קראנק דארף מען שוין אמאל צוקומען צו מעדעצינען, און דעמאלטס איז שוין נישט גענוג צו אנהייבן עסן. אז א מענטש געבט נישט פאר זיין נשמה צו עסן געשעט אלע מיני זאכן.

דער יסוד איז אז א איד איז נישט קיין גוי ווייל ער איז אן אנדערע מין אינגאנצן, ווי עס שטייט אין ספר הכוזרי אז צווישן א מְדַבֵּר מיט א איד איז דא אסאך א גרעסערער חילוק ווי דער חילוק וואס איז דא צווישן דעם דומם ביז'ן מְדַבֵּר, עס איז נישט סתם א אנדערע מין זאך, נאר עס איז אינגאנצן אנדערש, פונקט ווי א מלאך מיט א מענטש איז א איד מיט א גוי, די גוף זעהט טאקע די זעלבע אבער די נשמה איז אינגאנצן א אנדערע זאך א צווייטע בריאה אינגאנצן, א איד אן תורה עסט נישט און ער קען נישט האבן קיין מנוחה, דאס איז א איד. דער אייבערשטער האט געגעבן אין די תורה תרי"ג עיטין, ער האט אונז צוגעשטעלט עצות וואס איז גוט פאר אונז און וואס נישט. די רמ"ח אברים און שס"ה גידים פון א איד איז יעדע איינע קעגן א מצוה, דער גוי האט אויך אברים ווייל מען האט נישט געמאכט קיין חילוק צווישן זיינע אברים, אבער בעצם איז עס נאר די חיצוניות'דיגע אויסשטעל. בעצם יעדע מצוה איז קעגן א אבר, און יעדע לא תעשה איז קעגן א אדער. דאס איז די מהות פון א איד.

דער אייבערשטער זאל העלפן מען זאל פארשטיין די דברים פשוטים, מען זאל עס וויסן און געדענקען און קענען זיין א פשוט'ער ערליכער איד. אמן.